בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת תצוה - פורים תשע"ז | גליון 400 [שנה ט']

**בשבח והודאה להשי"ת שזכיתי להגיע לגליון הארבע מאות, ומצינו שחז"ל נקטו מספר ארבע מאות הרבה פעמים ובוודאי דבר גדול הוא, וה' הטוב יזיכני להמשיך הלאה להרביץ תורה ולזכות הרבים עד ביאת גואל צדק מתוך שמחה ונחת געזונטערהייט בב"א.**

### הערות פון פ' תצוה לפורים - פורים איז מקבל פון דעם שבת קודש

וְאַתָּה תְּצַוֶּה אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל: (כ"ז כ') מען קען זאגן אז די קשר פון פרשת תְּצַוֶּה צו פורים איז: ווייל תְּצַוֶּה קען אויך מיינען באהעפטן, מלשון צוותא חדא, א ענין פון אחדות און אהבת חבירים. און דער ענין פון פורים איז געווען, ווייל המן האט געזאגט יֶשְׁנוֹ עַם אֶחָד מְפֻזָּר וּמְפֹרָד בֵּין הָעַמִּים, זיי זענען אפגעטיילט איינער פון די אנדערע דער ענין פון פירוד לבבות, און וועגן דעם איז די מצות היום אין פורים, משלוח מנות, מתנות לאביונים און צדקה, אלעס צו ווייזן אז כלל ישראל זענען באחדות, און אויך איז דער ענין פון קריאת המגילה צוזאמען קומען אין איינעם, און אסתר האט אויך געזאגט לֵךְ כְּנוֹס אֶת כָּל הַיְּהוּדִים, ברענג זיי צוזאמען מיט אחדות וועט זיין די ישועה, און עס איז ידוע אז שבת קודש איז משפיע אויף די קומענדיגע וואך און אויפן יום טוב פון יענע וואך, דעריבער קען מען אפשר זאגן וְאַתָּה תְּצַוֶּה זאלסט באהעפטן כלל ישראל מיט אחדות, און קריאה איז מעורר דעם זמן, און דאס וועט משפיע זיין אויף פורים. אויך קען מען צולייגן אז דעם שבת איז פרשת זכור, און די קריאה וואס עמלק האט געארבעט "אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ" אפקילן כלל ישראל, און דורך אפקילן אידן מיינט מאכן איינעם פרעמד פון צווייטן, א פירוד, דעריבער פורים דארף מען זיין באחדות און בשמחה, כדי צוברעכן עמלק. (שמח זבולון)

### פ' תצוה לפורים

וְאַתָּה תְּצַוֶּה אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ שֶׁמֶן זַיִת זָךְ כָּתִית לַמָּאוֹר לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד: (כ"ז כ') ש'מן ז'ית ז'ך איז די ר"ת בגימ' 314 כמנין מרדכי היהודי 314, און ז"ך, עס לייכט קלאר, איז מרומז צו בן יאיר, כתי"ת 430 איז בגימ' שמע"י קי"ש, וואס איז די קשר פון מרדכי און משה? נאר עס שטייט אין מדרש אז אליהו הנביא איז געגאנגען צו משה רבינו, און האט אים געפרעגט ווער איז א צדיק? האט משה געענטפערט אז מרדכי איז א צדיק, זאגט אליהו גיי צו מרדכי און זיי מתפלל מיט אים צוזאמען און עס וועט זיין: יִשְׁמַע אֵל וְיַעֲנֵם (תהלים נה כ). דאס איז פשט אין פסוק. וְאַתָּה: דו משה, תְּצַוֶּה. זאלסטו זיך מחבר זיין צו די צרות פון כלל ישראל. וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ, און נעם מיט דיר מָרְדֳּכַי בֶּן יָאִיר בֶּן־שִׁמְעִי בֶּן־קִישׁ, וואס ער איז מרומז אין דעם פסוק. און אזוי וועט זיין למאור: אז די אידן וועלן ארויס גיין מאפילה לאורה. (חיד"א)

### אדער כהונה אדער תורה

וְאַתָּה הַקְרֵב אֵלֶיךָ אֶת־אַהֲרֹן אָחִיךָ: (כ"ח א) שטייט אין מדרש (שמות רבה פל"ז ד') כשאמר הקב"ה למשה וְאַתָּה הַקְרֵב אֵלֶיךָ הֵרַע לוֹ, א"ל הקב"ה- תורה היתה לי, וּנְתַתִּיהָ לָךְ, שאילולא היא אָבַדְתִּי עוֹלָמִי עכ"ל. די תורה איז זייער חשוב ווייל אין דעם ליגט דער קיום פון די וועלט. פרעגן די מפרשים פארוואס האט דער אויבערשטער נישט געוואלט לאזן די כהונה ביי משה? נאר עס שטייט אז דער אויבערשטער האט געגעבן פאר די וועלט צוויי יסודות: כהונה און תורה, און ער האט נישט געוואלט געבן ביידע זאכן פאר איין מענטש, נאר תורה באלאנגט צו א עָנָיו אזוי ווי די גמ' זאגט (שבת דף פ"ט.) אז דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה הואיל וּמִיעַטְתָּ עצמך, ביזט א עָנָיו, תִקָּרֵא על שִׁמְךָ שנא' (מלאכי ג כ"ב) זִכְרוּ "תּוֹרַת מֹשֶׁה" עַבְדִּי. דעריבער שטייט אין אבות (פ"א) משה קבל תורה. פארוואס? מִסִּינַי. ווייל ער האט זיך געהאלטן קליין מיט ענוה אזוי ווי בארג סיני. דאס מיינט דער מדרש וּנְתַתִּיהָ לָךְ: דוקא צו דיר, ווייל דו ביזט דער עניו מכל האדם, ממילא קומט פאר דיר די תורה, דעריבער מוז איך געבן כהונה צו אהרן, און עס שטייט אויך אין אבות (פ"ו מ"ה) גדולה תורה יותר מן הכהונה – שהכהונה נקנית בכ"ד מעלות והתורה נקנית במ"ח מעלות. האט דער אויבערשטער געזאגט צו משה למה הרע לך – תורה איז מער חשוב פון כהונה ווייל עס איז נקנית במ"ח מעלות כנגד כ"ד מעלות פון כהונה. (לקוטי אמרי אל,בגדאד תלמיד בן איש חי)

עטליכע שיינע ווערטער אויף מגילת אסתר פון ספר אילת השחר להגאון ר' זאב וואלף טננבוים אב"ד ווערפאלט נדפס מונקאטש תרל"ו המחבר זכה להסכמת הישמח משה, המהר"ם א"ש והרה"ק ר' הירש מליסקא, זכות המחבר ששפתותיו דובבות יגן בעדינו.

### געווען צוויי אחשורוש

וַיְהִי בִּימֵי אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הוּא אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הַמֹּלֵךְ מֵהֹדּוּ וְעַד־כּוּשׁ שֶׁבַע וְעֶשְׂרִים וּמֵאָה מְדִינָה: (א א) פארוואס שטייט בִּימֵי אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ א לשון רבים? אויך פארוואס שטייט הוּא אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ? נאר עס שטייט אין אבן עזרא אז עס איז געווען צוויי אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, איינס נאר אויף פרס ומדי און נאכדעם איז געקומען דער צווייטער אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ וואס מען גייט יעצט דערציילן און ער האט געוועלטיגט אויף 127 מדינות, און אים האט מען גערופן אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הַמֹּלֵךְ מֵהֹדּוּ וְעַד־כּוּשׁ שֶׁבַע וְעֶשְׂרִים וּמֵאָה מְדִינָה: דעריבער שטייט בִּימֵי אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ ווייל עס איז געווען צוויי, און אויך הוּא אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, פון דעם מגילה. (אילת השחר)

### שושן אדער שושן הבירה?

בַּיָּמִים הָהֵם כְּשֶׁבֶת הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ עַל כִּסֵּא מַלְכוּתוֹ אֲשֶׁר בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה: (א ב) די מגילה דערציילט אז אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ האט זיך יעצט באזעצט אין שטאט שׁוּשַׁן דעריבער האט ער געמאכט א סעודה וואס דאס איז געווען בִּשְׁנַת שָׁלוֹשׁ לְמָלְכוֹ. דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט דא שׁוּשַׁן הַבִּירָה און ביי מרדכי שטייט אויך אִישׁ יְהוּדִי הָיָה בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה און אמאל שטייט נאר וַתִּנָּתֵן דָּת בְּשׁוּשָׁן, וַיִּקָּהֲלוּ הַיְּהוּדִיים אֲשֶׁר־בְּשׁוּשָׁן גַּם בְּיוֹם אַרְבָּעָה עָשָׂר לְחֹדֶשׁ אֲדָר וַיַּהַרְגוּ בְשׁוּשָׁן? נאר עס איז געווען צוויי חלקים פון שׁוּשַׁן, אוואו די פאלאץ איז געווען האט מען גערופן שׁוּשַׁן הַבִּירָה און דארטן האבן אידן נישט געמעגט וואוינען, חוץ פון מרדכי, דעריבער איז די מגילה מדגיש ביי מרדכי הָיָה בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה, אבער די אנדערע חלק וואו די אידן האבן געוואוינט האט געהייסן נאר שׁוּשָׁן, איז שוין אלעס גוט. (אילת השחר)

### שמונים ומאת יום איז שוין ימים רבים

בְּהַרְאֹתוֹ אֶת־עֹשֶׁר כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ וְאֶת־יְקָר תִּפְאֶרֶת גְּדוּלָּתוֹ יָמִים רַבִּים שְׁמוֹנִים וּמְאַת יוֹם: (א ד) לכאורה איז שווער די ווערטער יָמִים רַבִּים אז עס שטייט שְׁמוֹנִים וּמְאַת יוֹם מיינט דאס יָמִים רַבִּים? נאר באמת איז

שווער די שְׁמוֹנִים וּמְאַת יוֹם ווייל אויב דאס איז באמת געווען 180 טעג נאכאנאנד, קומט אויס אז אחשורוש איז געווען פארנומען מיט א סעודה 180 טעג און וואס איז מיט פירן זיין מלוכה פון 127 מדינות? נאר מען מוז זאגן אז די 180 טעג איז געווען צושפרייט אויף א לענגערע צייט, דעריבער שטייט יָמִים רַבִּים ווייל עס איז נישט געווען 180 טעג מיט רציפות. (אילת השחר)

**לַעֲשׂוֹת כִּרְצוֹן אִישׁ וָאִישׁ**

בְּהַרְאֹתוֹ אֶת־עֹשֶׁר כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ וְאֶת־יְקָר תִּפְאֶרֶת גְּדוּלָּתוֹ יָמִים רַבִּים שְׁמוֹנִים וּמְאַת יוֹם: וּבִמְלוֹאת הַיָּמִים הָאֵלֶּה עָשָׂה הַמֶּלֶךְ לְכָל־הָעָם הַנִּמְצְאִים בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה לְמִגָּדוֹל וְעַד־קָטָן מִשְׁתֶּה שִׁבְעַת יָמִים לַעֲשׂוֹת כִּרְצוֹן אִישׁ־וָאִישׁ: (א ד–ח) לכאורה איז זייער שווער פארוואס שטייט לַעֲשׂוֹת כִּרְצוֹן אִישׁ־וָאִישׁ נאר ביי די סעודה פון שִׁבְעַת יָמִים און נישט פון שְׁמוֹנִים וּמְאַת יוֹם? נאר ווייל די סעודות שְׁמוֹנִים וּמְאַת יוֹם איז געווען פאר זיינע שרים און מיליטער פון אלע 127 מדינות ממילא איז נישט מעגלאך צו וויסן וואס יעדער האט ליב, אבער די סעודה פון שִׁבְעַת יָמִים איז נאר געווען לְכָל־הָעָם הַנִּמְצְאִים בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה, ממילא האט מען געקענט נאכפרעגן וואס יעדער האט ליב און מאכן כִּרְצוֹן אִישׁ־וָאִישׁ. (אילת השחר)

**לְפּוּרִים- אנהאלטן די שמחה און הארות אויף ווייטער**

לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה וְשָׂשֹׂן וִיקָר: (ח טז) לכאורה איז שווער דער לשון וִיקָר? נאר די ווארט ויקר מיינט טייער – לשון יקרה היא מפנינים–, און די כוונה איז אז די שמחה וששון זאל זיין זייער טייער און אויך דאס האלטן טייער אין אייערע אויגן און שטארק אכטונג געבן אויף די שמחה זיך צו האלטן ביי דיר אין די כלים. (חידושי הרי"ם).

סיפור לפורים – אורה זו עורה

לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה וְשָׂשֹׂן וִיקָר: (ח טז) איינמאל אין א פורים זענען אריינגעקומען צו הרה"ק ר' מאיר'ל מפרימישלאן זצוק"ל צוויי סוחרים און גענומען וויינען פארן צדיק אז היות זיי האנדלען מיט פֶּעל פון שֶׁעף און האבן אריינגעלייגט זייער פארמעגן און איינגעקויפט אסאך פֶּעל צו פארקויפן אין פרימישלאן און יעצט איז די פרייז פון פֶּעל שטארק געפאלן און חלילה שטייען זיי צו פארלירן זייערע גאנצע פארמעגן! דער צדיק הייסט פאר די גבאים צו ברענגען וויין פאר די אידן און אנגיסן אסאך וויין ביז זיי זענען געווארן זייער פריילאך און געטאנצט, און דער צדיק נעמט ארויס א מגילה און זאגט זיי אז זייער ישועה שטייט אין די מגילה: לַיְּהוּדִים הָיְתָה עוֹרָה, אידן האבן געהאט פֶּעל, און די פרייז איז שטארק געפאלן, איז די עצה, וְשִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן, מען זאל זיין שטארק בשמחה, און ווייל איר זענט יעצט בשמחה וועט זיין וִיקָר, אז די פרייז פון פעל וועט צוריק ווערן טייער. אויף צו מארגן איז די פרייז פון פעל געשטיגן. זיע"א

## מדור העובדות **** גערעטעוועט א דור פון תלמידי חכמים ****

אין יאר תרע"ז 1917 האט זיך געענדיגט די ערשטע וועלט'ס מלחמה און אין רוסלאנד האט נאך געפירט דעם צאר ניקאליי וואס איז געווען א גרויסע רשע און א אכזר און געמאכט צרות פאר די אידן און אויך פאר די גוים, די רוסישע פאלק האט געמאכט א ווידערשפעננונג אנקעגען די צאר און די צַאר האט געארבעט מיט זיין גרעסטע כח שטיל מאכן זיין קעגענערס, די הויפט פון די קעגענערס איז געווען א יונגער גוי מיטן נאמען וולאדאמיר לֶענִין. ער האט שוין אנגעהויבן זיין מלחמה אין יאר תרס"ה 1905 אבער ער האט געמוזט אנטלויפן קיין שווייץ און געפירט זיין מלחמה באהאלטענערהייט, די מלחמה האט זיך געשטארקט אין יאר תרע"ז און די צַאר האט געהאלטן ביים פאלן אבער ער האט זיך דערוואוסט וואו לֶענִין באהאלט זיך און געשיקט זיינע זעלנער אים כאפן. מען האט אים באמערקט און נאך געלאפן, ער איז געווען אויף זיין פערד און איז אריין אין א דארף וואס איז געווען פון אידן און ער האט געקלאפט אין א טיר און געבעטן א איד זאל אים באהאלטן. די סאלדאטן פון צַאר זענען אריין אין דארף און געגאנגען פון הויז צו הויז האט די איד אים געזאגט ער זאל זיך אנטאן אידישער קליידער און לייגן טלית און תפילין אויפן קאפ און גיין אין א ווינקל און מאכן ווי ער דאווענט.

די סאלדאטן האבן געקלאפט אויפן טיר און ער האט געזאגט אז נאר ער מיט זיין חבר זענען דא און ער דאווענט. זיי האבן געקוקט אין דירה און נישט געטראפן לֶענִין און זענען געגאנגען ווייטער. ווען זיי האבן געענדיגט זוכן אין דארף זענען די סאלדאטן אוועק. ווען די סכנה איז אריבער האט לֶענִין אים געזאגט עס זעט אוים אז בקרוב וועל איך איבערנעמען רוסלאנד, און איך וועל דיר נישט פארגעסן און נעמט שרייבן זיין נאמען. אין א קורצע צייט האט מען געהארגעט דעם צַאר און לֶענִין האט איבערגענומען רוסלאנד. [ער האט געגרינדעט קאמוניזים און עס האט אנגעפאמגען די צרות פאר אידן.] אין א טאג איז געקומען א אפיציר ביים איד און זאגט אז לֶענִין רופט אים ביי אים אין פעטערבורג און לייגט צו אז ער האט נישט וואס מורא צו האבן. זיי פארן קיין פעטערבורג און דער איד קומט אריין און לֶענִין נעמט אים אויף זייער פריינדלאך און דאנקט אים פאר אים ראטעווען און זאגט דו מיינסט אז האסט נאר מיר גערעטעוועט, דו האסט גערעטעוועט גאנץ רוסלאנד. איך וועל דיר שרייבן א בריוו אז ווען דו וועסט עפעס דארפן פון מיר וועסטו זיין פריי דא צו אריינקומען און איך וועל דיר העלפן, דאס האט דערציילט דער חפץ חיים.

עס איז אריבער א פאר יאר און א קבוצה פון אכצן בחורים האבן געוואלט אריבער שווערצן די גרעניץ פון ווילנא ווייל עס איז געווען שווער צו לערנען תורה, און מען האט זיי געכאפט און איינגעזעצט, און פאר אזא פאברעך באקומט מען טויט שטראף, צו הגאון ר' חיים עוזר האט מען זיך געווענדעט און ער האט זיך דערמאנט דעם סיפור וואס דער חפץ חיים האט דערציילט, און ער איז שנעל געפארן זוכן דעם איד פון דארף און אים געבעטן ער זאל שוין פארן קיין פעטערבורג און בעטן פון לֶענִין ער זאל ארויסלאזן די בחורים פון תפיסה און לאזן אריבערגיין דעם גרעניץ. דער איד איז גלייך געפארן קיין פעטערבורג און זיך געטראפן מיט לֶענִין וואס האט תיכף געשיקט א מעלדונג קיין ווילנא אז מען זאל באפרייען די בחורים, און מען האט זיי באפרייט. האט ר' חיים עוזר אויסגעפירט פארן איד דו האסט געמיינט אז דו ראטעוועסט איין גוי און צום סוף האסטו גערעטעוועט א גאנצע דור פון תלמידי חכמים. האט דער מגיד הגאון ר' יעקב גאלינסקי דערציילט אז איינער פון די בחורים איז געווען דער גרויסער סטייפלער גאון דער בעל קהלות יעקב. און פלעגט זאגן א מענטש ווייסט נישט וואס מיט א קליינע פעולה קען מען אויפטאן וועלטן.

הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן

*סידור חסד לאברהם עפ"י קבלה מנטובה תקמ"א מצב מפואר 8500$, סידור אור הישר קודינאב -סטאלין תרפ"ח 600$, תפארת החנוכי ראדזין דפו"ר 1500$ נדיר,* א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל,, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** בריוו פון הרה"צ ר' ישראל אדעססער מנהיג ברעסלאוו, אדמו"ר מקאפישטניץ ר' אברהם יהושע העשיל. ברכת דוד טאלנא דפוס זיטאמיר 1500$, אוסף פון ערשטע דרוק ספרי המנחת אלעזר 3500$, צו פארקויפן 10 מטבעות לזכרו פון חת"ם סופר פאר 4000$ 1 מטבע 500$, ספר מלכות אדמור"י טשערנאביל 200$, רק שני עותקים, א תהלים וואס דער משגיח הגה"צ ר' משה וואלפסון שליט"א האט געגעבן ר' בן ציון שענקער אליץ בחור 1000$, נאך טויזנטער ספרים און בריוו קומט אריין און זעט **4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414**

**718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת און עונג שבת **מיר ווינטשן אלע אידן א פרייליכן פורים..יעצט פאר פסח אויב איר האט גוטע אלטע אדער נייע ספרים, דארפט איר נישט באצאלן פאר שֵׁמות, רופט און ברענגט דאס אריין צו אונז**